**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער Hochul שרייבט אונטער א נייע געזעץ אוועקשטעלנדיג נאוועמבער 26 אלס "SOJOURNER TRUTH טאג" אין ניו יארק

### לעגיסלאציע *S1480-A/A6583-A* טוט אוועקשטעלן א יערליכע טאג פון אנערקענען פאר די לעגענדארע אבאלישעניסט און קעמפער פאר פרויען'ס רעכטן *Sojourner Truth*, וואס איז געבוירן געווארן אין אלסטער קאונטי

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע S1480-A/A6583-A צו אוועקשטעלן נאוועמבער 26 אלס Sojourner Truth טאג אין די סטעיט פון ניו יארק, אין עהרע פון די לעגענדארע אבאלישעניסט (קעמפער פאר די אפשטעל פון קנעכטשאפט) און קעמפער פאר פרויען'ס רעכטן וואס איז געבוירן אין אלסטער קאונטי.

"Sojourner Truth איז געווען איינער פון די גרעסטע פירערס אין אמעריקאנע היסטאריע, אוועקגעבנדיג איר גאנצע לעבן פארן קאמף פאר פרייהייט און גלייכבארעכטיגקייט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אוועקשטעלן א יערליכע געדענקונג פון אלס וואס Sojourner Truth האט אויפגעטון איז די פאסיגע כבוד פאר די ניו יארק געבוירענע פערזענליכקייט."

Sojourner איז געבוירן געווארן אין די האדסאן וואלי אין 1797 און איז פארשקלאפט געווארן אין ניו יארק ביז זי איז אנטלאפן אין 1826. אין א היסטארישע פראצעס אין די אלסטער קאונטי געריכט-הויז, איז Sojourner Truth געווארן די ערשטע שווארצע פרוי צו מאכן א געלונגענע קלאגע צו באפרייען איר זון פון קנעכטשאפט. Sojourner Truth האט פארברענגט די איבעריגע חלק פון איר לעבן מיטן ארומפארן איבערן לאנד צו קעמפן פאר די אפשטעל פון קנעכטשאפט.

אין 2022, האט גאווערנער Hochul (האקול) געמאלדען די אויפבוי פון די Sojourner Truth סטעיט פארק אין אלסטער קאונטי. די נייע סטעיט פארק - די ערשטע נייע פארק געעפענט צו ווערן זייט 2019 - שטעלט צו הערליכע פאנאראמעס פון די האדסאן טייך און פון היסטארישע אינדאסטריעל חורבות און איבערבלייבענישן פון ציגל פראדעצירונג און שטיינער-אויסהאקונג. עס איז די ערשטע סטעיט פארק אין קינגסטאן, ניו יארק, און עס וועט ווייטער וואקסן און זיך פארברייטערן מיט די לעצטיגע אינוועסטירונגען פון גאווערנער Hochul'ס (האקול) 2024 'סטעיט פון די סטעיט'.

**סטעיט סענאטאר Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "Sojourner Truth איז געווען אן אמעריקאנע העלדן וועמענס אומבויגזאמע קאמפ פאר פרייהייט און גלייכבארעכטיגקייט זעצט פאר אונז צו אינספירירן כמעט 200 יאר נאך איר פטירה, און צינדט אן די פלאם פון א נייע דור פון פירערס וועלכע טראגן ווייטער פאראויס איר לעבן'ס מיסיע - אריינגערעכנט אין די האדסאן וואלי, Truth'ס געבורטסארט. אונזער ביל אוועקצושטעלן Sojourner Truth טאג אין ניו יארק האט זיך אנגעפאנגען מיט סטודענטן פון קינגסטאן YMCA יוגנט שטאב, וועלכע האבן אנערקענט אונזער אחריות

אין ניו יארק סטעיט צו מיטטיילן איר רייזע אלס איינער פון די מערסט באקאנטע אבאלישעניסט און פרויען'ס רעכטן קעמפער אין יענער צייט. עס איז א כבוד ארויסצוברענגען דער וויזיע אריין אין געזעץ, און איך באדאנק זיך פאר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אריינ'חתמ'ענען אונזער ביל אין געזעץ. פאר ניו יארק, וועט נאוועמבער 26 פון יעדער יאר נישט נאר אפשפיגלען אונזער פארפליכטונג צו האלטן לעבעדיג די זכרונות פון אירע אויפטוינגען, נאר וועט אויך פריש באשטעטיגן וואס עס מיינט צו זיין א ניו יארקער: אייביג שטרעבנדיג אין ריכטונג פון א בעסערע, מער יושר'דיגע צוקונפט פאר יעדער."

**סטעיט סענאטאר Lea Webb (לי וועב) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז מיר האבן אוועקגעשטעלט נאוועמבער 26 אלס Sojourner Truth טאג אין די סטעיט פון ניו יארק, א טאג צו צאמשטעלן אונזער סטעיט'ס רייכע היסטאריע מיט אונזער פארפליכטונג פאר יוסטיץ און גלייכבארעכטיגקייט. Sojourner Truth איז א שווארצע פרוי וואס איז געוועהן א פאן-טרעגער, און וועמענס לעבן'ס געשיכטע זעצט פאר צו דינען אלס א שטרייל פון האפענונג און פעסטקייט פאר יעדער איינוואונער אין די סטעיט פון ניו יארק. זי האט געמאכט פילצאליגע און ווערדפולע צושטייערונגען צו די אנגייענדע קאמף פאר ציווילע און פרויען'ס רעכטן. איר שטומע, מאכטפול און אומבויגזאם, האט אפגעפרעגט די סטאטוס-קוואו און האט אינספירירט אומצאליגע אנדערע צו זיך פארשטעלן און ארבעטן פאר א וועלט וואו פרייהייט און גלייכבארעכטיגקייט זענען נישט בלויז שיינע ווירדן, אבער די מציאות פאר יעדער איינער. איך וויל באדאנקען מיין מיטארבעטער, סענאטאר Hinchey (הינטשי) פאר'ן ספאנסערן די וויכטיגע לעגיסלאציע און גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אונטערשרייבן די וויכטיגע לעגיסלאציע אריין אין געזעץ. עס איז גאר וויכטיג, נאך דערצו יעצט, אז מיר גייען ווייטער אן מיטן פאראויסשטופן די רעכטן און כבוד פון יעדער איינער פערזענליך."

**אסעמבלי מיטגליד Sarahana Shrestha (סאראהאנא שרעסטא) האט געזאגט,** " Sojourner Truth האט זיך נישט אפגעשטעלט נאך וואס זי איז געווארן די ערשטע שווארצע פרוי צו אנקלאגן ווייסע מענער כדי צו באפרייען איר זון פון קנעכטשאפט - זי האט דערנאך פארברענגט איר גאנצע לעבן מיטן קעמפן פאר יעדער איינער איבערן לאנד. איר פעסטקייט אנצוגיין איז א דערמאנונג אז די וואס פארפליכטן זיך צו צוברעכן סיסטעמען פון אונטערדריקונג און אומ'יושר'דיגקייט, טוען עס זעלטן צוליב דעם וואס איינער האט זיי אנגעזאגט אז עס וועט זיי זיין גרינג דאס צו טון. זיי טוען עס דווקא וויבאלד עס איז אזוי שווער, און דווקא וויבאלד עס איז געלעגן אין די הענט פון געווענדליכע מענטשן ווי Truth און אנדערע אבאלישעניסטס אין יענע צייט, צו אוועקשטעלן די יסודות'דיגע ארבעט צו מאכן די אום-מעגליכע מעגליך. איך בין גאר צופרידן צו האבן געארבעט מיט סענאטאר Hinchey (הינטשי) און גאווערנאר Hochul (האקול) צו אוועקשטעלן נאוועמבער 26 אלס Sojourner Truth טאג אין די סטעיט פון ניו יארק, און קוק ארויס צו באעהרן Truth'ס ארבעט יעדער יאר."

**אסעמבלי מיטגליד Michaelle Solages (מישעיל סאלאגעס) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט טוט שטאלצערהייט באעהרן די לעבן'ס אויפטוינגען פון Sojourner Truth, א פאראויסקוקענדע אבאלישעניסט און מידלאזע קעמפער פאר פרויען'ס רעכטן. אוועקשטעלנדיג נאוועמבער 26 אלס Sojourner Truth טאג איז א באדייטענדע אנערקענונג פון איר אויסערגעווענדליכע ביישטייערונגען צו יוסטיץ און גלייכבארעכטיגקייט. דער טאג טוט נישט נאר פייערן איר לעבן, נאר טוט אויך פארשטערקערן אונזערע געמיינזאמע פארפליכטונג צו די ווירדן וואס זי האט געשטיצט. אין נאמען פון די שווארצע, פארטאו ריקען, היספאנישע און אזיאטישע לעגיסלאטיווע קאקוס ( Black, Puerto Rican, Hispanic and Asian Legislative Caucus), באדאנקען מיר אסעמבלי מיטגליד Shrestha (שרעסטא), סענאטאר Hinchey (הינטשי) און גאווערנאר Hochul (האקול) פארן זיכער מאכן אז די זכרון פון די אויסערגעווענדליכע ניו יארקער זעצט ווייטער פאר צו אינספירירן צוקונפטיגע דורות."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן